לאנדקענטעניש נומ׳ 2. (1934)

מ. בורשטין

# דער מהות פון רעגיאָנאַליזם.

## .I

דאָס פּראָבלעם, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ איז נישט ניי. עס איז אַ פראַגע, וועלכער אַבסאָרבירט סאָציאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן און עסטעטיקער פון לאַנגע צייטן אָן. וויאַזוי זאָל זיך לענקען דער יחיד, ווי זאָל לעבן דער יחיד, ווי זאָל לעבן דער כלל: מיט דער נאַטור, אָדער זי אויספיינערן, אַז עס זאָל פון איר בלייבן אַ קינסטלעכע, אויסאידעאַליזירטע פאָרם. דאָס וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם באַגריף קולטור.

עס קעמפן צווישן זיך צוויי עקסטרעמען. דער נאַטור-מענטש איז קודמער פאַר דעם קולטורווירטן – טענהט איין צד, מחמת ער איז געטריי די אינסטינקטן. די נאַטור איז דאָס SUPREMA LEX, דאָס העכסטע געזעץ פון לעבן, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּפרעגן. קומען אָבער אַנדערע און צעגלידערן דעם מענטש, אברים-וויַיז, אויף זיינע פרימיטיווסטע באַשטאַנד-טיילן. פאַר זיי, די פּסיכאָלאָגן, איז דער מין HOMO קודם-כל אַ חיה, אַ באַשעפעניש אַזעלכעס, וואָס זיינע אינסטינקטן דאַרפן ווערן געצוימט, איינגעשלעפּט און אָפּגעטויט. און סך-הכל באַקומט זיך אַ שפּאָגל נייע גאַטונג: דער קולטור-מענטש.

דידאָזיקע ביידע אויסבליקן אויפן לעבן זענען אַ לאַנגע צייט געווען צווישן זיך נישט שוה בשוה. עמיצער האָט זיי פאָרט געמוזט אויסגלייכן.

די פיינשמעקער, וועלכע מיאוסן זיך צו עסן אָן געשיר האָבן דער-שנאַפּט (אַ נאָז האָבן זיי שוין איינמאָל), אַז משמעות די גרויע, גרויזאַמע נאַטור האָט אין זיך אויך עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו עסטעטיק און במילא לאָזט זיך נישט זאָגן דאָס זי זאָל זיין אינגאַנצן דער היפך פון דער

קולטור. אַדרבה עס ליגט זיך אויפן שכל, אַז די קולטור אַליין (הערט, הערט!) איז גאָר אַ טייל פון דער נאַטור. אָט אַזוי אַרום איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך: נישט אויסמעקן די קולטור, נאָר מאַכן זי געזונט און עס אַנטשטייט די קולטור-פילאָזאָפיע, אַ ספּעציעלע לערע אַזאַ וועגן דער קולטור גופא. פשוט גערעדט: אַ לערע וועגן דער דיעטעטיק פון קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. שוין נישט קיין שונא איז די קולטור. זי איז דער נאַטור אַ ליבלעכע שוועסטער, פאַרבונדן מיט איר ביז אין דער אייביקייט אַריין.

II.

זאָל דאָס אויבן געזאָגטע דינען אַלס אַן אַריינפיר צו דעם מהות פון רעגיאָנאַליזם. אַ וואָרט אַ נייעס, וואָס האָט זיך נאָך נישט באַוויזן איינגע־בירגערן אין דער יידישער שפּראַך. וואָס איז דאָס אַזעלכעס רעגיאָנאַליזם, וועט פרעגן (ער דאַרף פרעגן) דער יידישער לייענער?

איינגאַנצן ניי קלינגט דאָס וואָרט פאָרט נישט. געהערט שוין אַ מאָל אַ שפּרוך: CUIUS REGIO ÈIUS NATIO. (ווער עס רעגירט איבער דער מלוכה, דעמס נאַציע איז אַ געליטענע). אַהאַ, וועט נישט איינער טראַכטן: אויף הועמענס וואָגן מען פאָרט, יענעמס ליד זינגט מען. אָט אַ שטייגער: יידן זענען אין גלות, זענען זיי אין ליטע — ליטווינער (פון פאַר אַ יאָרן אָן) פון משהס גלויבן, און טאַטעס, וועלכע וווינען אין לעטלאַנד און זוכן אַ תכלית פאַר קינדער, רעדן זיי לכתחילה לעטיש, (ס'איז אַ סגולה פאַרן ריינעם אַקצענט). אַזוי למשל וועט טראַכטן דער יידיש באַלעבאַטישער לייענער, ווען ער וועט זיך באַגעגענען צום ערשטן מאָל מיטן וואָרט רע־גיאָנאַליזם. וועלן מיר אים אָבער באַלד אַרויספירן פון טעות. רעגיאָנאַליזם האָט גאָר אַ פאַרקערטן פשט. עס הייסט: שוינען זיך אַליין, פלעגן די אייגנאַרט פון יעדער עטנישער גרופּע באַזונדער בכל אתר ואתר, ווו זי זאָל נישט וווינען אויף הויכלאַנד צי אין דער נידער, צווישן פאַבריקן אָדער ביים ים, צי מען איז אַ מערהייט אָדער אַ מינדערהייט, אַזאַ קלאַס אָדער אַן אַנדערער. וואָס עס לאָזט זיך דאָ אויסדרשענען וועגן יידן (משמעות, אַז עס איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיך נישט לאָזן אָנווענדן בנוגע יידן) דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל. מיר וועלן עס דערווייל לאָזן אין אַ זייט. וואָרום צוערשט מוזן מיר זיך גענויער באַקענען מיט דעם עצם פון דער רעגיאָנאַליסטישער באַוועגונג. מיר וועלן דעריבער גיין כסדר.



III.

די מלוכה דאָס בין איך — האָט געזאָגט לודוויק דער פערצנטער. ער איז געווען דער ערשטער אַבסאָלוטער הערשער אין די נייע צייטן. עס האָט געהייסן: דעם בירגער ווערט נישט געלאָזט די פרייהייט פון ווילן. עס איז פאַרהאַן נישט מער, ווי איין ווילן — דער ווילן פון הערשער. די בירגער פּאַסן זיך צו צו דעמדאָזיקן ווילן, זיי פּאַסן זיך צו אויף אַלע געביטן: רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט, געזעצגעבונג. אין יעדן לאַנד איז פאַראַן איין פונקט, וועלכער גיט דעם טאָן אַלע איבעריקע טיילן (היינט צו טאָג וועלן מיר זאָגן: אַ צענטראַליסטישער רעגירונגס-סיסטעם). אינאיינוועגס גייט שוין במילא אויך פאַרלוירן דער יחיד. פּאַראַלעל צו דעם, גייט די גייסטיקע פאַרשקלאַפונג פון פאָלק. עס איז אַן אייגנוויליקע פאַרשקלאַפונג. אייגנטלעך אַ נאָכאַמונג. פּאַריז ווערט דער אָפּגאָט פון דער פּראָווינץ (מיר נעמען פראַנקרייך אַלס ביישפּיל). פלאַנדריע און ברעטאָניע, דרום און צפון פאַרוואַרפן זייערע ספּעציפישע לעבנס-אַרטן, די אייגנאַרטיקע פיזיאָנאָמיע פון יעדער פּראָווינץ ווערט ניוועלירט. די תורה גייט אַרויס פון פּאַריז. פּאַריז אין די מאָדע, פּאַריז איז דער אידעאַל. די אייגענע מנהגים, טראַכט און פאָלקסטימלעכע שאַפונג פאַרלירן דעם גלאַנץ אין די אויגן פון די נאַאיווע פאָלקס-קינדער אין אַלע ווינקעלעך לאַנד. דער אייגענער לאָקאַלער קאָלאָריט פאַרבלאַסט. די שטענדיק אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט פּאַריז מיט אירע זיך וועקסלענדיקע אויבנאויפיקע פאָרמען, ליפערט איר פסולות פאַר גאַנץ פראַנקרייך. עס איז מאָדע און אַלץ ווערט אָנגענומען פאַר אַ גוטע מטבע. דאָס לאַנד ווערט דערטרונקען אין דעם פּאַריזער שוים. די סכנה איז גרויס. פראַנקרייכס פרצוף ווערט מטושטש. פּאַריז ווערט אַפילו דער אָפּגאָט פון איירָאָפּאַ און אויך פון דער נייער וועלט. אַלץ בוקט זיך און קניט פאַר דעם נייעם בבל, פאַר דעם קאַנגלאָמעראַט פון פאָרם און אינהאַלט, אויסגעמישט אין איין ווילדן קנויל.

ביי אַזאַ לאַגע האָט געמוזט קומען די רעאַקציע. די ערשטע האָבן אַלאַרמירט די דיכטער און מוזיקער. די לאָזונג זייערע איז געווען: מיר ווילן מער נישט גיין אין יאָך פון דער עיר הבירה. פּאַריז איז נאָך נישט פראַנקרייך. עס איז בכלל נישטאָ קיין שאַבלאָן און מיר דאַרפן אים אויך נישט שאַפן אויף אַ קינסטלעכן וועג. די נייע באַוועגונג איז געקומען ספּאָנטאַן. די אייגנאַרטן, וועלכע זענען געוואָרן פאַרדעקט, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושטעקן די קעפּלעך פון אַלע ווינקעלעך. באַלאַדן, ראָמאַנסן, מוזיקאַלישע מאָטיוון, פאָלקס-טענץ זענען געווען אַן אָנזאָג. דער רעפרען איז געווען: דאָס קערנדיקע און געזונטע זוכט אויפן לאַנד, צווישן פאָלק.

דאָרטן איז פאַרהאַן פאָרם, קלאַנג און פאַנטאַזיע. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל גיין לאיבוד, אַז איין פּאַריז זאָל דיקטירן דעם לאַנד אירע קאַבאַרעט-לידלעך, אירע קליידער און אין אַנגראָ פּראָדוצירטע פּאַרמען. אַ דאַנק דערדאָזיקער איינשטעלונג באַקומט יעדער רעגיאָן (געגנט) צוריק איר פּרצוף, מען שעמט זיך שוין נישט מיט פּראָווינציאָנעלער אייגנאַרט. אדרבה, מען געפינט אויס וואָס אַמאָל אַלץ מער עלעמענטן, מען גראָבט זיי פּשוט אַרויס פון אונטער דער ערד.

פון פראַנקרייך אויס פאַרשפּרייט זיך די רעגיאָנאַליסטישע באַוועגונג איבער אַנדערע לענדער. אומעטום קוקט מען זיך אַרום, ווו מען האָט מיט זיך אַליין. מען וויל אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין דאָס, וואָס מען האָט ביז איצט פאַרטושירט און אויסבאַהאַלטן. אין דער ליטעראַטור הערשט דעמאָלט דער ראָמאַנטיזם. ער לאָזט זיך אַראָפּ אין דער טיפעניש פון דער פאָלקס-נשמה מיט אַ גליענדיקן פאַקל אין האַנט צו זוכן די אויסבאַהאַלטענע אוצרות, אַזוי אַרום טראָגט דער רעגיאָנאַליזם אין זיין ערשטער פאַזע אַ ראָמאַנטישן שלייער. אָבער באַלד באַווייזט זיך, אַז אין דערדאָזיקער באַוועגונג ליגט פאַרבאָרגן, אַ חוץ קולטורעלע, אויך אַנדערע ווערטן. עס קומען די וויסנשאַפטלער און ווייזן אָן אויף די געאָגראַפישע לאַגע פון דעם באַטרעפנדיקן רעגיאָן, אויף זיין פיזיאָגראַפישע סטרוקטור און היסטאָרישע מאָמענטן, אויף אַלע סובטעלע ניואַנסן און געבוי פון דער ערד און אין דער וועגעטאַציע. עס קומען די עקאָנאָמיקער און ווירטשאַפטלער. די איינהייט, וואָס רופט זיך אַ רעגיאָן, האָט באַזונדערע מעגלעכקייטן און אויך באַדערפענישן. מען אַנטדעקט די אַזוי גערופענע פאָלקס-אינדוסטריען, טיילמאָל גאַנצע פּרנסה-צווייגן (פּוילן למשל האָט אייניקע אַזעלכע געגנטן, וועלכע פאַרמאָגן אַ ספּעציעלע פאָלקס-אינדוסטריע: לוויטשער קאַנט, פּאָדהאַלע - זאַקאָפּאַנע, די הוצולען אין די בערג, די קאַשובן ביים ים א. אז. וו.). רעספּעקט פאַרן רעגיאָנאַליזם! עס איז נישט בלויז ראָמאַנטיק און פאָלקלאָר. עס איז וויסנשאַפט, עס איז עקאָנאָמיק. ער גרייפט אפילו אַריין אין אַדמיניסטראַציע פון דער מלוכה. צי זאָל די מלוכה ווערן צוגעשניטן פּאָליטיש, דאָס הייסט: ריין מעכאַניש אָדער געטיילט אין אָפּגעשלאָסענע רעגיאָנען לויט זייער אייגנאַרטיקער סטרוקטור. עס איז אַ פּראָבלעם, וואָס פאַרשאַפט פיל זאָרג און באַוואָרענישן אין יעדן לאַנד באַזונדער. עס שאַפט זיך אַזוי אַרום די אויסשעפּנדיקע דעפיניציע פון דער באַוועגונג וואָס רופט זיך היינט רעגיאָנאַליזם.

קודם-כל:

דער רעגיאָנאַליזם שטרעבט צו באַלעבן די פּראָווינץ און אַקעגנצושטעלן זיך דער טענדענץ פון קאָנצענטרירן אַלע קולטורעלע און וויס-



שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, באַדייטנדע פּערזענלעכקייטן, ליטעראַטור, קונסט א. ד. ג. אין דער הויפּט-שטאָט.

ווייטער:

דער רעגיאָנאַליזם אינספּירירט הן דעם יחיד, הן דעם קאָלעקטיוו, ווי אויך יעדע אָפּגעשלאָסענע טעריטאָריאַלע איינהייט צו שעפערישער אַרבעט און באַצוועקט צו דערקענען, באַפרייען און אויסנוצן אַלע ווערטן סיי אין דעם מענטשן, סיי אין דער אַרומיקער נאַטור.

און דערדורך:

שטרעבט דער רעגיאָנאַליזם צו מאַכן זעלבסטשטענדיק יעדע געגנט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר פון ווירטשאַפטלעכן צי פון קולטורעלן שטאַנדפּונקט אַן אָפּגעשלאָסן געביט.

רעגיאָנען קאָנען אַלזאָ זיין אַלגעמיין געאָגראַפישע און ספּעציעלע, אויסגעטיילטע אויפן סמך פון געוויסע אייגנשאַפטן. מיר באַקומען דעמאָלט רעגיאָנען פלאָריסטישע (לויט די געוויקסן נאָך), קלימאַטישע, היסטאָרישע, ווירטשאַפטלעכע, אַדמיניסטראַטיווע א. ד. ג.

באַריקזיכטנדיק יעדע געגנט באַזונדער מיט אַלע אירע פּאָטענציאָנעלע מעגלעכקייטן, טאָר מען אָבער נישט פאַרגעסן דאָס אַלגעמיינע. יעדער רעגיאָן זאָל זיך בשום אופן נישט איינהילן בלויז אין זיין אייגענער שאָלעכץ. עס דאַרף קומען צו אַ קעגנזייטלעכן אויסטויש פון די ווערטן צווישן די רעגיאָנען. דאָס איז שוין נישט דער דרוק פון צענטער אויפן לאַנד, אָדער וואָסער עס איז נאָכאַמונג פון דער הויפּט-שטאָט. עס איז דער פרייער שפּיל פון כוחות און אויסווירקונג פון כלל אויפן פּרט און פאַרקערט.

## IV.

וויאַזוי האָט זיך דער רעגיאָנאַליזם אַנטוויקלט און אין וועלכער פאַזע געפינט ער זיך, היינט צו טאָג, אין יעדן לאַנד באַזונדער?

דאָס וויגעלע פון רעגיאָנאַליזם, ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעמערקט, איז געווען פראַנקרייך. צוגעגאַנגען איז עס דאָ בהדרגה-ווייז. צו-ערשט האָט מען אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון פּאַריז. מען האָט זיך גענומען אַרומקוקן אין אייגן ווינקעלע. עס איז געוואָרן אַ דראַנג צו פאָרשן די נאַטירלעכע לאַגע און קולטורעלע ווערטן פון דער אייגענער סביבה. דערנאָך ערשט האָט מען זיך גענומען צו אָרגאַניזירן דאָס גאַנצע לעבן פון דער פּראָווינץ אויף נייע און פאַר איר צוגעפּאַסטע יסודות. פּאַראַלעל

צו דעם געדאַנק און ריכטונג, וועלכע עס שאַפט די רעזידענץ, אַנטשטייען נייע פּראָגראַמען פון פּראַקטישער טעטיקייט, אין וועלכער עס ווערן אַריינגעצויגן גרעסערע מאַסן פון דער געזעלשאַפט.

אַנדערש זעט אויס דער רעגיאָנאַליזם אין איטאַליע. דאָרט האָט יעדע שטאָט אין מיטלאַלטער געלעבט אויף איר אייגנאַרטיקן שטייגער. עס איז גענוג צו דערמאָנען די שטאָט-רעפּובליקן: ווענעציק, פלאָרענץ און אַנדערע, וועלכע האָבן פון דורות אָן געהאַט אַ רעגיאָנאַלע טראַדיציע צוליב זייער ספּעציעלער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער סטרוקטור. אויס מורא פאַר סעפּעראַטיסטישע שטרעבונגען האָט מען היינט צו טאָג געגעבן דעם איטאַליענישן רעגיאָנאַליזם אַן אַנדערע ריכטונג. ער קאָנצענטרירט זיך דאָרטן בעיקר אין דער ספערע פון פאָלקס-בילדונג. די אַנאַלפאַבעטישע איינוווינער פון די דרומדיקע קאַנטן לאָזן זיך אין די ווינטערדיקע חדשים אַראָפּ אין די טאָלן זוכן אַרבעט. ביי דער געלעגנהייט ווערט צווישן זיי געפירט אַן אויפקלערונגס-אַרבעט, וועלכע באַזירט נישט בלויז אויף לייענען און שרייבן, נאָר בעיקר אין פאַרטיפן זיך אין די קולטורעלע ווערטן, וועלכע ווערן געשאַפן דורך זיי אַליין אין די בערג. מען באַקענט זיי מיט זייערע אייגענע פאָלקס-אויסאַרבייטונגען, מיט זייערע מוזיקאַלישע און ליטעראַרישע שאַפונגען און צוליב פּראַקטישע צוועקן אויך מיט דער פלאָרע און פאַאונע פון די בערג.

אין רעזולטאַט קערן זיך די דאָזיקע מענטשן צוריק אום אין זייערע היימען, אין די בערג, באַרייכערט מיט וויסן און מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס אַלץ, וואָס רינגלט זיי אַרום אין דאָרף און, וואָס זיי אַליין האָבן ביז איצט גרינגגעשעצט, פאַרמאָגט אַ ווערט, מיט וועלכן עס רעכענען זיך די געבילדעטע מענטשן אין די טאָלן. ער לערנט זיך דערום אויס צו אַכטן זיך זעלבסט און זיינע אייגנטימלעכע לעבנס-פאָרמען. פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק איז עס אַ געוויסער שוץ אַ קעגן דער צו ראַשער אַנטוויקלונג פון די גרויסע שטעט, וואָס גייט אָן אויפן חשבון פון לאַנד.

אויך אין דייטשלאַנד איז די אידעע פון רעגיאָנאַליזם נישט פרעמד. פאַר דער העגעמאָניע פון פּרייסן און פון איצטיקן צענטראַליסטישן רעגירונגס-סיסטעם, האָט יעדע פּראָווינץ געלעבט לויט איר אייגנאַרטיקן אופן. נאָך דער פאַראייניקונג פון די דייטשע לענדער האָט דער רעגיאָנאַליזם אַרויסגעשטויסן פון דער אַדמיניסטראַציע און געזעלשאַפטלעכן לעבן פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דער שול. דער לער-פּראָגראַם פון דער גרונד-שול שטיצט זיך, איבעריקנס אויך אין הסכם מיט די געזעצן פון דער פּעדאַגאָגיק, אויף דער נאָענטסטער סביבה. אַלס אויסגאַנגס-פּונקט דינען דאָ די קולטורעל-היסטאָרישע אָביעקטן, די פלאָרע און פאַאונא, אָבער דאָס



אַלץ אין די ראַמען פון דער שול. אויף דעם באָדן אַנטשטייט די צוגעבונדנקייט פון דעם אונטערוואַקסנדיקן דור צו דעם פאָטערלאַנד. איצט פאַרשטייט זיך, ווען עס לאָזט זיך פאַראַפראַזירן לודוויק דעם פערצנטנס וואָרט: דייטשלאַנד דאָס איז היטלער — ווערט די רעגיאָנאַלע באַוועגונג אין דייטשלאַנד אינגאַנצן געהעמט.

ערנסט איז די באַציונג צו דעם פּראָבלעם אין פּוילן, הגם קיין דרייסטע פּרוּוון זענען אויף דעם געביט נישט צו באַמערקן. די פּוילישע לענדער זענען רייך אין פאַרב און קאָלאָריט. עס קומט נאָך צו דער פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג בילדן גאַנץ באַזונדערע עטנישע גרופּן (די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן) מיט ספּעציפישע אייגנשאַפטן און באַדערפענישן. דאָס פּראָבלעם איז דאָ אין אַ געוויסן זין ריין אַבסטראַקט, פּראַקטיש איז נאָך אויף דעם געביט זייער ווייניק געטון געוואָרן. דאָס ווערטל, אַז גאָר איינגיכן וועט מען דעם אמתן גוראַל, אין זיין גאַנצער פּראַכט, קאָנען באַטראַכטן אין זאַקאָפּאַנער מוזעאום איז קרוב לאמת. עס איז אינטערעסאַנט דער פּרט, אַז די פאָרגענגער פון פּוילישן רעגיאָנאַליזם, זענען שטענדיק געווען די ליבעראַלע גייסטער.

מיר לייענען אין סטעפאַן זשעראָמסקיס צוואָה:

„איך פּערזענלעך, זע אַ גאַראַנטיע פאַר אַ בעסערן מאָרגן אין רעגיאָנאַליזם, וואָס הייסט אין דער שטרעבונג צו דיצענטראַליזירן דאָס ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן אין פּוילן”.

אין רעגיאָנאַלן גייסט האָט אויך געפירט זיין אַרבעט טעטמייער, דער טרובאַדור פון די בערג-איינוווינער.

---

דער צוזאַמענהאַנג צווישן רעגיאָנאַליזם און לאַנדקענטעניש איז דערום קלאָר און בולט. עס איז אַ שייכות צווישן דער טעאָריע און דער פּראַקטיק, קלאָר פאָרמולירט: די לאַנדקענטעניש איז די אָנווענדונג פון דעם, אין אידעאַלן זינען פאַרשטאַנענעם, רעגיאָנאַליזם. דער טיפער אינהאַלט פון ביידע ליגט אין דער שטרעבונג אַרויסצוברענגען אַלע שעפערישע כוחות פון דעם יחיד און שאַפן די האַרמאָניע און גלייכגעוויכט צווישן נאַטור און מענטש. ווען מיר גייען אַריבער צו די פּראַקטישע אויספירונגען פון דעם אויבן געזאָגטן שטעלט זיך אַוועק די פראַגע: וויאַזוי זאָלן מיר אָנווענדן דעם רעגיאָנאַלן מאָמענט אין דער לאַנדקענערישער אַרבעט. דער גרעסטער טייל אויספלוגן טראָגט אַ צופעליקן און צעשטרייאונגס-כאַראַקטער. די יעניקע אויספלוגן, וועלכע באַצוועקן אויך וויסנשאַפטלעכע צילן אָדער בילדונגס-אויפגאַבן, פעלט פּלאַנמעסיקייט און סיסטעמאַטישקייט. על-

פּי־רוב ווערט אַרויסגעכאַפּט נאָר אַ פֿראַגמענט פֿון אַ רעגיאָן, וועלכער קאָן קיינמאָל נישט געבן אַ קלאָר בילד פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן געביט. ווען מיר באַזוכן צום ביישפּיל די שטאָט קראָקע אָן דער דאָרפֿישער סביבה, האָבן מיר נאָך נישט קיין באַגריף פֿון דעם ספּעציפֿישן, וואָס עס איז פֿאַראַן אין דעם קראָקאָווער רעגיאָן. דאָסגלייכן זאָגט אונז לוויוויטש (אָן דער סביבה), זייער ווייניק וועגן דער לוויוויטשער אייגנאַרט.

אַ פֿולקאָם בילד פֿון אַן אָפּגעשלאָסענעם רעגיאָן קאָנען מיר נאָר דעמאָלט האָבן ווען מיר באַקענען זיך מיט אַלע דערשיינונגען, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דערדאָזיקער געגנט. דאָס קאָן געטון ווערן לויט אַ געוויסן פּלאַן.

אַ גרופּע לאַנדקענער באַשליסט, צום ביישפּיל, צו באַזוכן דעם פּאָלעסיער רעגיאָן. די אָבסערוואַציעס גייען אין פֿאָלגנדיקער אָרדנונג:

פֿעסטשטעלן די פֿיזישע סטרוקטור פֿון דער געגנט (אין דעם באַטרעפֿנדיקן פֿאַל האָבן מיר צו טון מיט נידערלאַנד), ווייטער קומט אין באַטראַכט די פֿיזיאָגראַפֿיע פֿון פּאָלעסיע (טייכן, זומפּן, וועלדער), ישובֿים (בריסק, פּינסק, דראהיטשין) דערפֿער, אין וועלכע עס וווינען די פּאָלעשוקן א. ד. ג.). דערנאָך שטעלן מיר זיך אָפּ אויף די ווירטשאַפֿטלעכע צווייגן פֿון דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג (פֿיש־פֿאַנג, יאַגד, וואַלד־ווירטשאַפֿט) און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַטירלעכער אומגעבונג: וווינונגען, הלבשה. דערנערונג פֿון דער דאָרטיקער באַפֿעלקערונג און צולעצט די אייגנשאַפֿטן פֿון די פּאָלעשוקן (דער געמיטס־צושטאַנד, כאַראַקטעריסטישע שטריכן און זייער פֿאָלקלאָר.

דאָס זענען די גרונד־יסודות, אויף וועלכע מיר דאַרפֿן זיך אָפּשטעלן אין דעם דערמאָנטן רעגיאָן. עס קומען נאָך צו צווייט־ראַנגיקע דערשיינונגען (איבערהויפּט אין די שטעט), דאָס זענען: היסטאָרישע אָביעקטן, קולטיווירטע ווירטשאַפֿט (אינדוסטרי) און סאָציאַלע פֿאַרהעלטנישן. .

די לאַנד־קענער, וועלכע באַזוכן פּאָלעסיע דאַרפֿן פֿאַרשטייט זיך באַנוצן זיך מיט די דאָרטיקע לאָקאָמאָציע־מיטלען (שיפֿלעך, פּראָמען, דאַמפֿערס א. ד. ג.). די צונויפֿגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, ווי פֿאָטאָגראַפֿישע אויפֿנאַמעס, דאָרפֿישע אויסאַרבייטונגען, נאַטורוויסנשאַפֿטלעכע עקספּאָנאַטן, פֿאָלקס־ניגונים, מעשׂיות א. ז. וו. ווערן סעגרעגירט און ווי געהעריק באַאַרבעט ערשט דעמאָלט שאַפֿט זיך אַ געהעריק בילד פֿון דעם אָפּגעשלאָסענעם רעגיאָן.

אין דעם פֿאַל איז עס געווען פּאָלעסיע.



דאָס איז אין קורצע שטריכן דער מעטאָד, וויאַזוי אָנצווענדן דעם רעגיאָנאַליזם אין דער לאַנדקענערישער אַרבעט.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז מיר טרעטן צו צו אָרגאַניזירן אַ נייעם טיפּ וואַנדערונגען, וועלכע לאָזן זיך באַצייכנען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען: ר ע ג י אָ נ אַ ל ע א ו י ס פֿ ל ו ג ן.